# ובכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בחוקתי תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 433



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### דער עובד ה' האט צייט אויף אלעס

"וּפָנִיתִי אֲלֵיכֶם וְהִפְרֵיתִי אֶתְכֶם וְהִרְבֵּיתִי אֶתְכֶם וַהֲקִימֹתִי אֶת בְּרִיתִי אִתְּכֶם" (כו ט)

דער 'חידושי הרי"ם' טייטש די ווערטער 'וּפָנִיתִי אֲלֵיכֶם' ווי א הבטחה פאר יעדן עובד ה' אז ער וועט האבן צייט אויף אלע זיינע געברויכן וואס פעלן אים אויס. א ראי' צו זיינע ווערטער ברענגט **רבי שמאי גינזבורג** די ברייתא (ברכות לב ב): "חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת [בעפאר יעדע תפילה], ומתפללין שעה אחת, וחוזרין ושוהין שעה אחת [נאכן דאווענען]. אויף דעם וואונדערן זיך די חכמים: דערנאך וואס די חסידים האבן זיך אופגעהאלטן דריי שעה אויף יעדע תפילה פון די דריי תפילות, פון וואו האבן זיי געהאט צייט צו לערנען און טון פאר זייער פרנסה? און האבן געענטפערט: "מתוך שחסידים היו תורתן משתמרת ומלאכתם מתברכת". זען מיר אז כאטש די חסידים האבן געווידמעט ניין שעות יעדן טאג אויף דאווענען, האט מען זיי געהאלפן מן השמים אז די צייט וואס איז געבליבן זאל זיין גענוג צו געדענקען דאס לערנען און פארדינען פאר זייער פרנסה.

'שיח שרפי קודש' ח"ד נא; 'אמרי שמאי'

### תחיית המתים מיט א קומה זקופה

"אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִהְיֹת לָהֶם עֲבָדִים וָאֶשְׁבֹּר מֹטֹת עֻלְּכֶם וָאוֹלֵךְ אֶתְכֶם קוֹמְמִיּוּת" (כו יג)

רש"י טייטש אז 'קוממיות' באדייט - "בקומה זקופה". לויט דעם טייטשט דער **'חתם סופר'** אונזער בקשה יעדן טאג ביי תפילת שחרית, "ותוליכנו מהרה קוממיות לארצנו": די חכמים זאגן (כתובות קיא א) אז נאר אין ארץ ישראל וועט זיין תחיית המתים, און וועגן דעם בעפאר תחיית המתים, וועלן אנקומען די וואס זענען ראוי אויף תחיית המתים דורך טונעלן, און די צדיקים גמורים וועלן קומען דורך די טונעלן מיט א קומה זקופה, דאקעגן די וואס זענען נישט קיין צדיקים גמורים, וועלן זייערע ביינער זיך וואלגערן ביז ארץ ישראל און ערשט דארט וועלן זיי אויפשטיין צו תחיית המתים, און אויף דעם בעטן מיר "ותוליכנו קוממיות לארצנו" - מיט א קומה זקופה און נישט דורך זיך וואלגערן.

'בן יהוידע' כתובות קיא א

### פארלירן די מעגליכקייט פון דאווענען - די שווערסטע פון די קללות

"וַאֲכַלְתֶּם בְּשַׂר בְּנֵיכֶם וּבְשַׂר בְּנֹתֵיכֶם תֹּאכֵלוּ; וְהִשְׁמַדְתִּי אֶת בָּמֹתֵיכֶם..." (כו כט-ל)

דער **'אבן עזרא'** טייטש אזוי די קללה "וְהִשְׁמַדְתִּי אֶת בָּמֹתֵיכֶם": "ענק וועלן נישט האבן א פלאץ צו שרייען און דאווענען געהאלפן ווערן פון די הונגער, ווייל איך וועל פארטיליגן ענקערע במות - די ארט פון די קרבנות".

לייגט צו דער משגיח **רבי גדליה אייזמאן**: אויב מיר וועלן זיך מתבונן זיין וועלן מיר זען אז די קללה איז די שווערסטע פון אלע קללות, ווייל אויב די אידן האבן א מעגליכקייט צו דאווענען, קענען זיי מבטל זיין די גזירות מיט די כח התפילה. און האט צוגעלייגט: אויך היינט קען זיך אמאל טרעפן דער מענטש ווי ער ווערט געשטראפט מיט די קללה, דורך דעם וואס עס ווערט אוועקגענומען דער 'טעם' און 'הרגש' ביים דאווענען.

'גידולי מוסר' אלול עמ' קפד

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### "בברכה שלימה ונאמר אמן"

אין די טעג ארום די יומא דהילולא פון רשב"י וואס איז פארגעקומען די וואך, האב איך געטראכט אייך מיטטיילן מיט זיינע ווערטער אין זוהר הק', וואס לויט מיין מיינונג האט עס אין זיך דער יסוד אין די הגדרה פון ענטפערן אמן אויף די ברכה.

אין פרשת עקב (רעא א), אינמיטן א לאנגן מאמר אויף די געוואלדיגע מעלה און חשיבות פון א ברכה וואס מען האט אויף דעם געענטפערט אמן, שרייבט רבי שמעון בר יוחאי: "כל ברכה דאתיבו [=וואס מען האט געענטפערט] עליה אמן, דא איהו בקיומא כדקא יאות [דאס איז א ברכה וואס איז גוט אוועקגעשטעלט ווי עס דארף צו זיין]".

אין די ווערטער איז רשב"י פאר אונז מגדיר, אז ענטפערן אמן איז נישט בלויז א שבח וואס דער שומע לייגט צו צו די ברכה, אזוי ווי 'ברוך הוא וברוך שמו' א.ד.ג., נאר דאס איז א חלק פון דער ברכה, וואס קומט פארענדיגן די ברכה; דער מברך אליין קען נישט זאגן א שלימות'דיגע ברכה, ווייל ער קען דאך נישט ענטפערן אמן אויף זיין אייגענע ברכה, דעריבער דארף ער צוקומען צו די הילף פון זיין חבר ער זאל משלים זיין די ברכה מיט א 'אמן'.

פון דעם זוהר האבן מיר אויסגעלערנט אז א ברכה אן קיין אמן איז א פעלער'דיגע ברכה, און ווי די דורשי רשומות לערנען זיך ארויס פון וואס מיר זאגן ביים בענטשן: "בברכה שלימה ונאמר אמן" - כדי די ברכה זאל זיין 'שלימה', דארף מען זארגן מען זאל ענטפערן אויף דעם 'אמן'.

נאך א נקודה וואס ווערט ארויסגעברענגט לויט די זוהר, אז ענטפערן אמן איז נישט נאר א חוב וואס ליגט אויף דעם וואס הערט די ברכה, נאר אויך א חוב אויף דעם וואס זאגט די ברכה וואס וויל אז זיין ברכה זאל זיין בשלימות [און ווער וויל נישט...?!].

איך האב זיך אמאל געטראפן מיט הגאון רבי אליעזר בן דוד זצ"ל, ראש מוסדות 'אור האמת' אין אלעד, און ער האט מיר געזאגט כמסיח לפי תומו, אז ער האט קיינמאל נישט ארויסגעזאגט א ברכה פון מויל אן עס איז געווען איינער וואס וועט ענטפערן נאך אים 'אמן'. אויך ווען ער האט געדארפט זאגן א ברכה אינמיטן דער נאכט, פלעגט ער רופן איינעם פון זיינע פילע תלמידים אין אויסלאנד, אין די לענדער וואו עס איז נאכנישט נאכט, און פאר אים געזאגט די ברכה.

איך בין נתפעל געווארן פון דעם פאקט אז ער האט נישט געפילט אז ער פירט זיך מיט א ספעציעלע הנהגה. פארקערט, מיט זיין ענוות חן האט ער צו מיר געזאגט מיט א וואונדער: "וויאזוי קען איך זיך אנדערש פירן?!" - וויאזוי קען איך דאנקען ה' נישט בשלימות, אין די צייט וואס ער טוט מיט מיר אזויפיל גוט'ס בשלימות?!

ווען מיר זאגן די ברכות השחר יעדן אינדערפרי', זאלן מיר געדענקען די ווערטער פונעם הייליגן זוהר אז נאר א ברכה וואס איז געענטפערט מיט א אמן איז א שלימות'דיגע ברכה. מיר וועלן אנהויבן אונזער טאג, מיט זאגן שלימות'דיגע ברכות, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין אז אונזער טאג וועט זיין בשלימות.

**מיט א רוף "ונרוממה שמו יחדיו"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# א תמימות'דיגע תפילה וואס האט געעפענט טויערן

די רייזע האבן די קינדער פון פאמיליע כ. שוין פלאנירט אין לויף פון א לאנגע צייט. פאמיליע כ. געהערט צו א באקאנטע חסידישע קהילה וואס האבן אויפגעשטעלט זייער צענטער אין איינע פון די דרום שטעט, און די 'רייזע' האבן זיי זוכה געווען דערנאך וואס מיט גרויס הצלחה האבן זיי אויסגעפירט א 'חיזוק' פארמעסט וואס האט געדויערט א גאנצן חודש, א פארמעסט אין וועלכע די גאנצע פאמיליע האט זיך באטייליגט, ווען די גרויסע באלוין איז געווען א שותפות'דיגע רייזע צו די ווייטע צפון, אויך צו טוישן די לופט און די אטמאספערע... אבער בעיקר צו דאווענען אויף קברי צדיקים וואס ליגן אין גליל, אין דעם 'יום המסוגל', ז' אדר, די הילולא פון משה רעיא מהימנא.

עס איז אנגעקומען ראש חודש אדר. די התרגשות צווישן די קינדער פון די משפחה איז געשטיגן מער און מער ווען דער גרויסער טאג האט זיך דערנענטערט. א טאג פארן לאנג-דערווארטן טאג האט דער טאטע ארויסגעדינגען א גרויסן קאר, וואס זאל קענען אריינעמען אלע קינדער פון דער משפחה, און אינדערפרי, בעפאר די זון האט אויפגעשיינט, האט די פאמיליע זיך ארויסגעלאזט מיט זייערע פעקלעך אויף דער לאנג-ערווארטער רייזע, ווען דער פלאן איז



דער אריינגאנג קיין מירון אין די צייטן פון די קאראנע

געווען אנהויבן דעם טאג מיט א תפילת שחרית אויפן ציון פון דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי וואס ליגט אין מירון.

דער לאנגער וועג פון די דרום שטעטל וואו זיי האבן געוואוינט איז אריבער אויף אלעמען זייער גוט און פיין. די קינדער זענען געווען צוגענאגלט צו די אויג-פארכאפנדע שיינע האריזאנט, וואס האט זיך געענדערט ווען דער טאג האט אנגעהויבן שיינען. די טרוקענע דרום האריזאנט וואס איז נאר געפארבט מיט א ברוינע קאליר, איז געווארן מער און מער גרין ווען די אויטא האט זיך דערנענטערט קיין צפון.

ווען די קאר האט ענדליך אנגעהויבן זיך ארויף שלעפן אויף די שאסיי וואס דרייט זיך אויפן וועג קיין מירון, איז די ערווארטונג געשטיגן, די עלטערע קינדער האבן שוין אנגעהויבן זיך אונטער ברומען די באקאנטע ליד: "לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי...", א ליד וואס זיי האבן גוט געקענט פון זיך באטייליגן אין דער מעמד ההדלקה אין מירון אין די לעצטערע יארן. אין די לעצטע צוויי יאר, צוליב די קאראנע, האבן זיי נישט געקענט א טייל נעמען אין דעם גרויסן מעמד, און יעצט איז די התרגשות געווען גרויס.

דער קאר איז געפארן ווייטער אויפן וועג, אט זענען זיי אנגעקומען צו די באקאנטע ארט ביים אריינגאנג צו מירון, דער קאר האט זיך נאטורליך אויסגעדרייט לינקס, און האט זיך פלוצים אפגעשטעלט מיט א קריץ...

"וואס איז געשען??" - איז ארויסגעקומען דער געשריי פון אלעמען, און דער ענטפער האט זיך גלייך אנטפלעקט פאר זייערע אויגן; דער באקאנטער געלער טויער ביים אריינגאנג קיין מירון איז געווען פארמאכט. נעבן טויער איז געשטאנען א פאליציאנט, מיט א שטרענגען בליק, וועלכער האט מיט זיין האנט געווינקען זיי זאלן זיך אויסדרייען.

הרב כ. האט זיך פארזוימט פון זיך אויסדרייען, ווי ער וואלט נישט פארשטאנען וואס דער פאליציאנט ווייזט אים, ער איז אביסל ווייטער געפארן צום טויער, אבער אקעגן זיין ווילן זיך געמוזט אפשטעלן.

"וואס, איר פארשטייט נישט קיין צייכן?!" - האט דער פאליציאנט צו אים געזאגט אומגעדולדיג, "דער קבר הרשב"י איז היינט פארמאכט פאר אויטא'ס, פאר ווייטער, וואס איז דא נישט קלאר?!".

יא. דער ציון איז פארמאכט פאר די מאשינען. עס האט גענומען פאר הרב כ. עטליכע סקונדעס עס צו פארדייען. ער האט פרובירט זיך אינטערעסירן אין דעם פלוצים'דיגן פארמאכונג, אבער ער האט זיך אנגעטראפן אין א אומגעדולדיגן ענטפער. האט ער באשלאסן זיך באנוצן מיט די וואפן פון געפיל... ער האט פרובירט רעדן צום הארץ פונעם פאליציאנט, געוויזן אויף די שאקירנדע קינדער, אים פרובירט ערקלערן וואו און ווען זיי האבן אנגעהויבן זייער רייזע היינט אינדערפרי, און ווי לאנג די קינדער ווארטן שוין אויף דער רייזע, אבער ווי עס זעט אויס איז ער נישט געווען דער ערשטער אין דעם טאג וואס האט פרובירט רעדן צו זיין הארץ, און דער הארטער רעאקציע פונעם פאליציאנט איז געווען פאסיג צו דעם...

דער טאטע איז געצווינגען געווען צו אנטוישן זיינע קינדער און זיי זאגן אז זיי וועלן מוזן אפזאגן דעם באזוך אין מירון.

כאטש זיי האבן נישט געוואוסט פון דעם פון פריער, אבער אין די לעצטע צוויי יאר האט עס פאסירט גאנץ אפט. זינט דער טראגישער טראגעדיע אין דעם לעצטן ל"ג בעומר זענען אירע טויערן עטליכע מאל פארשפארט געווארן ווען עס האט זיך געהאנדלט איבער א געפלאנטער געשעעניש פון אסאך באטייליגטע און די אויטאריטעטן האבן מורא געהאט פאר א מאסן אינפעקציע.

דער דרוק פון די אויטאריטעטן האט זיך געשטארקט, באזונדער נאך די שרעקליכע אומגליק וואס איז פארגעקומען ל"ג בעומר אין די לעצטע יאר, ווען פינף און פערציג הייליגע און ריינע נשמות זענען אומגעקומען אלס דירעקטער רעזולטאט פון דעם גרויסן שטיפעניש וואס האט געהערשט אויפן ארט.

נאך דעם אומגליק, האבן די אויטאריטעטן ווייטער פארשטארקט די פראצעדורן, פון צייט צו צייט, ווען עס האט זיך דערנענטערט א ספעציעלער טאג וואס האט ארויסגערופן זארג אז עס וועט זיין א איבערפלוס פון מענטשן, האבן די אויטאריטעטן אומגערישט געמאלדן אז די טויערן פון מירון וועלן זיין פארשפארט פאר די אריינגאנג פון מתפללים.

אויך דאס מאל, אין בעפארברייטונג צו ז' אדר - א טאג וואס מאסן מענטשן זענען צוגעוואוינט ארויפגיין צום ציון הרשב"י - האבן די אויטאריטעטן געמאלדן אויפן פארשפארן די ציון פאר די מתפללים. פאמיליע כ. האט נישט געוואוסט פון דעם פאקט, און עס איז זיי זייער שווער אנגעקומען דאס פארדייען.

נישט האבנדיג קיין אנדערע אויסוועג איז הרב כ. אוועק געפארן פון דארט, ער האט געשטעלט אין זייט און אנגעהויבן פלאנירן זיינע קומענדיגע טריט, צי ער זאל פארן קיין צפת און דארט דאווענען, אדער פארקן אין א דערבייענדיגן פארקינג פלאץ און זיך 'שלעפן' מיט די קינדער צופוס אויפן בארג ארויף צום ציון הרשב"י...

אויב ער האט געטראכט פון 'הייבן די הענט', זענען די קינדער נישט גרייט געווען דערויף; "טאטי", האט אים איבערראשט פון הינטער די דינע שטימע פונעם זעקס יעריגן שמואל, "דו זאגסט אונז שטענדיג, אז דאווענען העלפט אין יעדן סיטואציע, און יעצט פאלן מיר אריין אין א פארצווייפלונג איידער מיר האבן געדאוונט אויף דעם?!".

"ריכטיג, ווי אזוי האבן מיר נישט געטראכט פון דעם?!" - האבן זיך אלע געוואונדערט, און אין יענעם מאמענט איז ארויסגעקומען א תפלה פון אלע קינדער, יעדער אין זיין אייגענעם לשון, זיי האבן געבעטן מיט זייער תמימות'דיגן און קינדער'ישן לשון א פשוטע בקשה - אז די טויער פון מירון זאל זיך עפענען פאר זיי, און קענען ארויף גיין דאווענען ביים קבר פון רשב"י.

די תמימות'דיגע תפילה האט געדויערט בלויז עטליכע מינוט, און ווי נאר עס האט זיך געענדיגט, ווען אלע אין די אויטא זענען געשטארקט מיט א ריינע אמונה, האט דער טאטע אנגעהויבן צו פארן צום טויער. אויך יעצט איז דער טויער געווען פארמאכט, אבער דער טאטע האט זיך איגנארירט פון דעם, און אנגעהויבן צופארן שטייט צום טויער, דער פאליציאנט איז געווען דער זעלבער פאליציאנט פון פריער, אבער צום גרויסן וואונדער, דאס מאל איז אים גענוג געווען א קורצער בליק אויף די קינדער וואס זענען געזעצן אין מאשין, ער זאל עפענען פאר זיי דעם טויער, אן צו זאגן איין ווארט.

יא, יענעם פרימארגן זענען זיי געווען צווישן די איינציגסטע וואס האבן מצליח געווען זיין אויף די ציון פון הייליגן רשב"י, און דאס אלעס איז געקומען דורך די תמימות'דיגע תפלה.

# די ברכה 'על הצדיקים'

## די מקור פון די ברכה

די חכמים (מגילה יז ב) ערקלערן די סיבה פארוואס די ברכה 'על הצדיקים' איז אוועק געשטעלט געווארן נאך די ברכה אויף די מינים, ווייל דערנאך וואס די מינים ווערן בטל ווערן פון דער וועלט וועט דערהויבן ווערן קרן הצדיקים, אזוי ווי עס שטייט (תהלים עה יא): "וכל קרני רשעים אגדע - תרוממנה קרנות צדיק".

נאך זאגן די חכמים (שם) אז אין די ברכה דארף מען כולל זיין א בקשה אויף די גרי הצדק, אזוי ווי מיר טרעפן אז די תורה האט צוגעשטעלט די גרי הצדק צו די חכמי התורה, אזוי ווי עס שטייט (ויקרא יט לב-לג): "מפני שיבה תקום והדרת פני זקן...; וכי יגור איתך גר".

עס איז דא ווער עס שרייבט אז דערמאנען די גרים אין די ברכה, איז נישט פון די תקנה פון די אנשי כנסת הגדולה, נאר רבן גמליאל הזקן האט מתקן געווען דאס צו דערמאנען, ווייל אין זיינע צייטן האבן זיך פארמערט די גרים צווישן כלל ישראל ('תיקון תפלה' בסידור 'אוצר התפילות' הערה לתפילת שמונה עשרה).

## די באדייט פון די ברכה

די חכמים זאגן (תענית כד ב): "בכל יום ויום בת קול יוצאת ואומרת: כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני". טייטש דער בעל שם טוב אז דער צדיק עפענט א 'שביל' און א צינור וואס דורך דעם איז ער משפיע טובה און ברכה פאר די אידן ('עבודת ישראל' ליקוטים מסכת תענית). און אין די ברכה בעטן מיר רחמים אויף די צדיקי הדור, ווייל מיר לעבן אין זייער זכות, און כל זמן די צדיקים זענען אויף דער וועלט, קומט אראפ שפע פון טובה און ברכה אויף דער וועלט ('יערות דבש' ח"א דרוש א'). אין דער ענין איז באקאנט די ווערטער פון חוזה מלובלין אז כדי זוכה צו זיין אין די השפעה פון צדיק דארף מען דאווענען אויף אים ('אור לשמים' משפטים).

אויסער דעם, בעטן מיר אין די ברכה אויך "על גרי הצדק". די גרים זענען ראוי לברכה באזונדער אין דער צייט וואס דאס אידישע פאלק געפונט זיך אין א ארימקייט און שפלות, און אין די זעלבע צייט האבן די רשעים פון אלעם גוטן. א גר וואס קומט זיך מגייר זיין בזמן הזה איז זיכער ראוי צו האבן דער טיטול 'גר צדק', ווייל ער האט עס נישט געטון וועלנדיג האבן די גוט'ס פון כלל ישראל, נאר ווייל ער איינערקענט די אמת אזוי ווי אברהם אבינו וואס האט זיך מדבק געווען אין דער אמת אקעגן דער גאנצער וועלט, דעריבער: "חיוב עלינו לאהבו ולנשק רמיסת רגלו, והמרבה לאהוב הגר, אוהב ה' ותורתו, כי אהבתו לגר תלוי באהבת המקום ותורתו, כי הלא זה סיבת אהבתו" ('יערות דבש' שם).

## די בקשה 'ושים חלקנו עמהם'

ביי די ברכה בעטן מיר: "ותן שכר טוב לכל הבוטחים בשמך באמת **ושים חלקנו עמהם**". לכאורה וואס איז שייך צו בעטן מיר זאלן באקומען שכר אזוי ווי די צדיקים, יעדער מענטש באקומט דאך וואס עס קומט אים לויט זיינע מעשים?

דער אר"י הקדוש טייטש די בקשה אזוי: ווען א מענטש זינדיגט, האלט מען צוריק פון אים די מעגליכקייט הנאה האבן פון די השפעות פון די מצוות וואס ער האט געטון, דעריבער ביז דער זינדיגער טוט תשובה גייט אריבער די השפעה פון זיינע זכויות פאר א צדיק וואס איז ראוי צו דעם, אזוי ווי עס שטייט (איוב יז): "יכין [רשע] וצדיק ילבש". אבער עס זענען דא דערהויבענע צדיקים וואס ווילן נישט הנאה האבן פון אזאך וואס זיי האבן זיך נישט געפלאגט אויף דעם, און וועגן דעם היטן זיי די השפעות פון די מצוות וואס זיי האבן באקומען ווי א פקדון, ביז דער מענטש וועט תשובה טון, וואס דעמאלטס געבן זיי עס אים צוריק בשלימות. אויף דעם בעטן מיר "ושים חלקנו עמהם"; אויב חלילה מיר זענען נכשל געווארן אין א זינד און מיר האבן פארלוירן אונזער חלק אין די מצוות וואס מיר האבן געטון, זאל ה' עס אוועקלייגן ביי די סארט צדיקים וואס ווילן נישט הנאה האבן פון אנדערע, און ווען מיר וועלן תשובה טון וועט ער אונז צוריק געבן אונזער חלק בשלימות ('שער הכוונות' דרושי העמידה דרוש ו).

## די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז די ביזסט דער אנלענער פון די צדיקים, און הלוואי וועסטו שטענדיג זיין אונזער אנלענער (סידור נהורא השלם).

## די געבוי פון די ברכה

די ברכה הייבט זיך אן מיט די בקשה "על הצדיקים" - די זענען וואס האבן קיינמאל נישט געזינדיגט ('אבודרהם'). נאכדעם בעטן מיר "על החסידים", און דאס זענען די וואס נכשל געווארן מיט א זינד, אבער זיי האבן תשובה געטון. און ווייל בעלי תשובה דארפן טון גדרים און סייגים אויף די מצוות פון די תורה, און זיך פירן לפנים משורת הדין כדי זיי זאלן נישט ווידער זינדיגן, ווערן זיי אנגערופן "חסידים" ('אבודרהם'. וראה 'פרי מגדים' או"ח קיח בא"א א).

נאכדעם בעטן מיר "על זקני שארית עמך בית ישראל" - די וואס טראגן דעם עול הציבור, און אויך "על פליטת בית סופריהם" - דאס זענען "החכמים המלמדים תינוקות" ('פירושי סידור התפילה לרוקח' סי' נז) און עס זענען דא מפרשים אז די כוונה איז אויף די מחברי ספרים ('עץ יוסף').

נאך בעטן מיר "על גרי הצדק" וואס מיר זענען באזונדער באפוילן געווארן זיי ליב האבן, אזוי ווי עס שטייט (דברים י יט): "ואהבתם את הגר" (אבודרהם), און אין ענדע בעטן מיר אויף אונז מיטן זאגן: "ועלינו", כאטש מיר זענען נישט צדיקים אדער חסידים, און מיר האבן אויך נישט איינס פון די אויבנדערמאנטע מעלות, פון דעסוועגן בעטן מיר: "יהמו נא רחמיך" ('סדר היום').

מיר ענדיגן די ברכה מיט דער שבח: "משען ומבטח לצדיקים" וואס באדייט אז אפילו צדיקים וואס זענען מלאים זכויות כרימון און דורך דעם זענען זיי אין די העכסטע דרגה, דארפן זיי זיך פארלאזן אויף ה', קל חומר אז אנדערע מענטשן - מוזן זיך פארלאזן אויף אבינו שבשמים ('בית תפלה' לר"א פאפו ברכה יג).

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וְאַף אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק וְאַף אֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכֹּר וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר" (כו מב)

רש"י ערקלערט אז דער פסוק איז איינס פון די פינף פלעצער אין תנ"ך וואו דער נאמען פון 'יעקב' שטייט מלא - מיט א וואו.

**הרמ"ע מפאנו** ('עשרה מאמרות' מאמר חקור דין ב טו) ברענגט, עס איז ראוי אז דער מענטש זאל זאגן זיינע ברכות פאר צוויי וואס זאלן ענטפערן אמן, ווייל עס שטייט (תהלים פט נג): "בָּרוּךְ ה' לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן", ד.מ.: אז יעדע ברכה זאל נשלם ווערן דורך צוויי וואס ענטפערן אמן (זעה 'מחצית השקל' או"ח ו ט וואס ברענגט אט די הנהגה אין זיין נאמען). אלס א רמז צו די הנהגה ברענגט צו הרמ"ע די פאקט אז דער נאמען "יַעֲקוֹב" [מלא מיט א וואו], איז גימטריה 'אמן ואמן'.

**רבי צבי הירש מייזליש** פון שיקאגאו ערקלערט אזוי דעם רמז:

## 'אמן ואמן' מקרב זיין די גאולה

דער 'חתם סופר' שרייבט אין אונזער פרשה אז אין לויף פון די גלות איז דער נאמען פון 'יעקב' געשריבן חסר, און לעתיד לבוא וועט עס געשריבן ווערן מלא. ווען א מענטש געבט אכטונג אז צוויי זאלן ענטפערן נאך אים אמן, איז דא אין דעם א רמז אויף דער נאמען 'יעקוב', ווייל ווי געזאגט איז עס גימטריה 'אמן ואמן', קומט אויס אז מיט דעם בעטן זיי אז הקב"ה זאל צואיילן די גאולה, ווען דעמאלטס וועט יעקב'ס נאמען זיין געשריבן מלא.

'תורת משה'; 'אגרא דצבי' [על אגרא דפרקא] רמז נט אות א

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

### ברכות השחר פאר צוויי

אין 'אשל אברהם' (או"ח תפז ד) פון בעל 'דעת קדושים' פון בוטשאטש, ברענגט ער אז ער האט געהערט אז רבי יוסף הוליס גאב"ד טיסמעניץ "האט זיך געפירט אויפשטיין ביי חצות און זאגן ברכות השחר, און פלעגט אויפוועקן צוויי מענטשן כדי זיי זאלן ענטפערן נאך אים אמן".

### ברכות השחר פון די ת"ת-קינדער

האדמו"ר רבי אייזיק'ל קאלובער פלעגט גיין יעדן אינדערפרי צו די תלמוד תורה וואס ער האט געגרינדערט אין קאלוב, צו הערן ברכות השחר פון די תלמידים און ענטפערן אמן נאך זיי ('ימי זכרון' אדר עמ' עב).

### מקפיד ושומר אמונים

רבי מנחם סופר בעל שו"ת 'מנחם משיב' זאגט עדות אויף זיין זיידע רבי אליעזר זוסמאן סופר דער פאקשער רב, אז ער "פלעגט מקפיד זיין צו זיין א שומר אמנים, אזוי ווייט אז יעדן אינדערפרי פלעגן זיך די תינוקות של בית רבן צונויפנעמען אין בית המדרש, זאגן פאר אים די גאנצע ברכות השחר אויפן סדר, און ער איז געשטאנען און געענטפערט אמן ביז אלע האבן געענדיגט" (שו"ת 'מנחם משיב' סי' כט).

### יצאה נשמתו בייים ענטפערן אמן

אויף דעם צדיק פון נתיבות רבי ראובן יוסף גרשונאוויטש ווערט דערציילט אז ער איז נסתלק געווארן פון דער וועלט בשעת'ן ענטפערן אמן אויף ברכות השחר. און אזוי ווערט געשילדערט זיין הסתלקות אין ספר 'ניצוצי אש' וואס איז ארויסגעקומען אויף זיין אנדענק (עמ' סט):

"א גאנצן לעבן איז זיין נשמה געווען צוגעבינדן צום באשעפער דורך תפלה, און אזוי איז זיין נשמה אויך ארויף צו איר פלאץ, צו זען די שיין פון הקב"ה און הנאה האבן פון די זיו השכינה בשעת'ן דאווענען. דערנאך וואס מען האט געזאגט פאר אים די ברכות השחר, האט ער מיט זיינע לעצטע איבערגעבליבענע כוחות זיך געשטארקט מיט א איבערמענטשליכע גבורה כל זמן די נשמה האט זיך געפונען אין זיין קערפער, און האט זיך געשטארקט ווי א לייב און געענטפערט אמן פארן מברך, און אינמיטן זאגן אמן און גלייבן אין השי"ת איז זיין הייליגע ריינע נשמה ארויף אין הימל 'ויהי ידיו אמונה עד בוא השמש'" (שמות יז יב).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די רעדאקציע פון דעם חשוב'ן גליון 'וכל מאמינים'

די ווערטער פון רבינו בחיי וואס ענק האבן ציטירט ('כד הקמח' אמונה) אז יעדער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן ווערט אנגערופן צדיק, אזוי ווי עס שטייט (ישעי' כו ב): "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים" איז א וואונדערליכער חידוש. איך האב געטראכט צו ברענגען אויף דעם א רמז פון דער לשון הפסוק (תהלים קמו ח) "ה' אהב צדיקים", וואס איז ר"ת צ"א - אמן, און מיט דעם פארענטפערן די קשיא פון דער וועלט פארוואס דער פסוק ווערט געזאגט צווישן די בעלי מומים - "מתיר אסורים", "פוקח עורים", "זוקף כפופים"? נאר ווי געזאגט קען זיין אז דאס קומט אונז לערנען אז דער מענטש קען געראטעוועט ווערן פון אלע פעלערן און צרות אויב ער וועט מקפיד זיין צו ענטפערן אמן וואס ווי געזאגט איז דאס מרומז אין די ווערטער "אוהב צדיקים".

שטארקט זיך אין ענקער גרויסע ארבעט פארן כלל ישראל אין אלע זייערע ערטער צו מחזק זיין דאס זאגן אמן בכוונה, ויהי רצון אז אין ענקער זכות זאל מקויים ווערן אויף אונז דער פסוק "ועמך כולם צדיקים".

**בברכה נאמנה**

**הרב אליהו פרידמאן**

**עיה"ק ירושלים ת"ו**


מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com


# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די ווערק פונעם בעל הילולא



דער אוהל אויפן ציון פון ר"ר מענדעלע פון רימנוב זי"ע

### רבי ר' מענדעלע פון רימנוב

#### י"ט אייר

רבי מנחם מענדל טארים פון רימנוב איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי יוסף חריף אב"ד פינטשוב אין יאר תק"ה אין שטאט האמבורג, דייטשלאנד. ער איז געווען א תלמיד פון רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג און פון רבי ר' אלימלך פון ליזענסק.

נאך זיין חתונה איז ער אריבער וואוינען נעבן זיין שווער אין שטעטל פריסטיק וואס איז אין פוילן, וואו דארט האט ער געלערנט תורה און געדינט דעם באשעפער מתוך הדחק. נאכן פטירה פון זיין רבי דער ר"ר אלימלך פון ליזענסק האט ער אנגעהויבן צו דינען אלס רבי אין פריסטיק, אסאך פון רבי ר' אלימלך'ס חסידים זענען אים נאכגעגאנגען און אנגענומען זיין פירערשאפט, שפעטער איז ער אריבער קיין רימנוב, און ווערט אנגרופן אויף איר נאמען.

צוויי און צוואנציג יאר האט ער געדרש'נט יעדן שבת אין "פרשת המן", כדי צו משפיע זיין פרנסה פאר כלל ישראל. יעדן טאג האט ער געלערנט מיט א קביעות אכצן בלעטער גמרא גפ"ת.

אום ל"ג בעומר תקע"ה האט ער זיך מטהר און מקדש געווען, און האט געזאגט אז ער גייט אוועק פון דער וועלט און וועט צוריק טון א טובה פאר דעם וואס וועט צינדן א ליכט לעילוי נשמתו. אויפצומארגנ'ס, י"ט אייר תקע"ה, איז ער נפטר געווארן און באערדיגט געווארן אין בית החיים פון רימנוב.

### דערקענען דעם באשעפער דורך ענטפערן אמן

דעם פסוק (ויקרא יט כג-כד): "שלש שנים יהיה לכם ערלים...ובשנה הרביעית יהיה כל פריו קדש הלולים לה'" טייטש ער אזוי: אין די ערשטע דריי יאר דערקענט נישט דאס קינד דעם באשעפער. אבער אין די פערטע יאר "איז זיין פאטער אים מחנך צו רעדן הייליגע דיבורים - ענטפערן אמן אויף די ברכות", און דורך דעם לערנט ער זיך צו דערקענען דעם באשעפער און אים לויבן ('מנחם ציון' פרשת המן).

### אמן מיט א צובראכנקייט

אזוי ערקלערט דער רבי ר' מענדעלע די מאמר חכמים (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך": דער וואס איז זוכה צו זאגן א ברכה קען צוקומען צו גאוה. אבער דער וואס ענטפערט אמן, האלט זיך קליין אויף דעם וואס ער האט נישט זוכה געווען צו זאגן די ברכה, און וועגן דעם איז 'גדול העונה', אזוי ווי עס שטייט אין זוהר (ח"ג שרה קכב ב) "מאן דאיהו זעיר איהו רב" [דער קלענער איז דער גרויסער] ('ילקוט מנחם' עמ' רמב).